# דברי תורה

## מאת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### שנאמרו בחג השבועות תשפ"א לפ"ק

יוצא לאור ע"י מכון מעדני מלך וויען - גליון אלף רכ"ז

## בכניסת החג

**רק** השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך, והודעתם לבניך ולבני בניך, יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב, באמור ה' אלי הקהל לי את העם ואשמיעם את דברי אשר ילמדון ליראה אותי כל הימים אשר הם חיים על האדמה, ואת בניהם ילמדון (דברים ד-ט). ויש להבין למה נתנה התורה הדגוש על הזכירה, 'יום' אשר עמדת לפני ה' אלקיך, ולא על עצם המעמד הנבחר, ועל קבלת התורה ומצותיה. גם להבין אריכות הלשון 'אשר ילמדון ליראה אותי כל הימים'.

**ובמגן** אברהם (סימן תצד) הקשה על מה שאנו אומרים בחג השבועות זמן מתן תורתנו, הלא קבלת התורה היתה בשבעה בסיון, דהא יצאו ממצרים ביום חמישי (שבת פז:), ובשבת ניתנה תורה (שם פו:), ואיך אומרים בששה בסיון זמן מתן תורתנו. ועוד כי התורה ניתנה ביום חמשים ואחד לספירה, ואנו אומרים זמן מתן תורתנו ביום החמשים.

*

**ונראה** בהקדם לבאר מה דאיתא בגמרא (שבת פו:) בחד בשבא לא אמר להו ולא מידי, משום חולשא דאורחא, בתרי בשבא אמר להו (שמות יט-ו) ואתם תהיו לי ממלכת כהנים, בתלתא אמר להו מצות הגבלה, בארבעה עבוד פרישה ע"כ. ויש להבין למה שינה לומר בארבעה 'עבוד' פרישה, והוי ליה למימר 'אמר להו מצות פרישה' כמו שאמר מתחלה אמר להו מצות הגבלה.

**וראיתי** מובא בשם האדמו"ר מאמשינוב ארה"ב זצ"ל, על פי מה שמסופר שפעם שררה דחקות גדולה בחבריא של הרה"ק רבי בונם מפרשיסחא זצ"ל, ויעץ הרה"ק רבי פייוול מגריצא זצ"ל, שלדעתו יש לבקש מעות מהאשה הגבירה תמר'ל (שהחזיקה בממונה בית צדיקים). כשמוע הרה"ק מקוצק זצ"ל את שיחתם, הרים את קולו, געלט! פָּא געלט! ואמר רבי פייוול על עצמו, שבמשך כמה ימים לאחר ששמע את תגובת הרה"ק מקוצק, לא היה יכול להביט ולהסתכל על כסף, פשוט נמאס בעיניו, 'עס האט איהם געאיבעלט'. ועל דרך זה אמרו חז"ל בארבעה 'עביד' פרישה, שבדיבורו של משה רבינו גרידא, כבר פעל להמאיס את הדבר בעיניהם, דיבורו פעל כעשיה ממש ע"כ.

**ושמעתי** מכ"ק אבא מארי זצ"ל, במה דהתורה מסיימת, ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל (דברים לד-יב), דמבואר ברש"י דקאי על מתן תורה, לכל היד החזקה, שקיבל את התורה בלוחות בידיו. ואז נשפע ממשה מורא גדול על כל ישראל, על דרך שאמרו חז"ל (ברכות לג:) אין לגבי משה מילתא זוטרתא היא. ופירשו (עיין תולדות יעקב יוסף פרשת בא) דלגבי משה, רצה לומר לאלו שהיו בדורו של משה, להם היתה היראה מילתא זוטרתא ע"כ. והיינו במה שראו לפניהם דמותו של משה נשפע ממנו יראת ה' על כל סביביו ע"כ. וזהו המורא הגדול אשר עשה משה, במה שהיה עומד לעיני כל ישראל ע"כ.

**ובזה** מובן מה שאותו דור המדבר זכו להיות הדור היותר חשוב מכל הדורות, כדאיתא בזוה"ק (ח"ג קסג.) זכאה דרא דא מכל דרין דעלמא וכו', על ההוא דרא כתיב (תהלים קמד-טו) אשרי העם שככה לו אשרי העם שה' אלקיו ע"כ. ואיתא בגמרא (בבא בתרא עג:) דרבה בר בר חנה ראה למתי

מדבר איך שוכבין בפנים צהובות כשתויי יין ע״ש. והיינו כי הם שמעו כל התורה כולה מפה משה רבינו, אשר עשה עליהם רושם עז, שדיבורו פעל למאוס בהחטא, ועל כן נשארו בקדושתם שנתעלו במתן תורה.

*

**אמנם** יש לומר בזה עוד, דהנה במעמד הנבחר זכה כל אחד מישראל להגיע למעלת הנבואה, מקטן ועד גדול, אנשים נשים וטף, טפשים וחכמים, ובדרך נס נתחכמו כולם ברגע אחת כדי שיהיו ראויים לנבואה (עיין בספר מעמד הנבחר פרק כו שהאריך במקורן של הדברים). וכתוב בשו״ת הרשב״א (ח״ד סימן רלד) וז״ל, הוקשה לך איך הגיע כל העם שאינם חכמים כחכמים למדרגת הנבואה, שכבר נודע שהוא מן הנמנע שיגיע למדרגת הנבואה רק מי שהשיג הקדמות הראויות לה (כמו שכתב הרמב״ם במורה ח״ב פל״ב). דע כי באמת וכו׳ למה נשים זה מכת הנמנע, אחר שיש בכח הנפשות האנושיות לעלות אל המדרגה הנבואית כאשר עלו אליה נביאי ישראל הקדושים, זה אינו בנמנע שיחכים השי״ת כרגע לכל העם שעמדו במעמד הנכבד, והוא שיהיה בו השפע הגדול במראות אלקים, וכאשר אמר בבצלאל (שמות לא-ג) ואמלא אותו רוח אלקים בחכמה ובתבונה ובדעת ובכל מלאכה, והוא קטן בשנים מאד וכו׳ ע״ש.

**וכתוב** בלבוש (סימן תצד-א) מפטירין במרכבה דיחזקאל, משום שבאותו היום באותו המעמד הנבחר השיגו כולם למעלת הנבואה, וכולם קטניהם וגדוליהם שמעו אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה, ובלי ספק שכולם השיגו באותו מעמד מעשה מרכבה ככל מה שהשיג יחזקאל, כענין שנאמר (שמות כ-טו) וכל העם רואים את הקולות, שרמז כולו למעשה מרכבה, לכך מפטירין גם כן במעשה מרכבה שהוא מעין המאורע ע״כ.

**ויתכן** לומר כי למדריגה זו של נבואה זכו ישראל מעת שאמרו כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע, דבאותה שעה נעקר יצר הרע מלבם (פסיקתא רבתי פרק מא), והקדימו נעשה לנשמע, רז שמלאכי השרת משתמשין בו (שבת פח.). ואיתא בפסיקתא רבתי (פרק כא) וז״ל את מוצא כיון שעמדו ישראל על הר סיני ואמרו כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע, נתן להם מזיו השכינה של מעלן, הדא הוא דכתיב ויצא לך שם בגויים ביפיך וגו׳ (יחזקאל טז-יד) ע״כ. ומאז זכו גם להגיע למעלת הנבואה.

**והנה** מבואר בגמרא (סנהדרין פט:) תני תנא קמיה דרב חסדא הכובש את נבואתו לוקה. אמר ליה מאן דאכיל תמרי בארבלא [תמרים הנתונים בכברה] לקי, מאן מתרי ביה. אמר אביי חבריה נביאי. מנא ידעי, אמר אביי דכתיב (עמוס ג-ז) כי לא יעשה ה׳ אלקים דבר כי אם גלה סודו ע״כ. הרי לנו כי בשעה שנביא מקבל נבואה מאת ה׳, מתגלה זאת גם לנביאים אחרים, ויודעים הם שקיבל נביא זה נבואה להתנבא בו, עד שיכולים להתרות בו להתנבא.

**ובספר** ליקוטי יהודה (פ׳ וירא) הביא בשם הגה״ק בעל אמרי אמת מגור זצ״ל שדקדק על מה ששאל יצחק לאברהם, הנה האש והעצים ואיה השה לעולה (בראשית כב-ז), הלא יצחק אבינו נביא היה (רש״י מגילה יד.), ואם כן בטח ידע מה שאמר ה׳ לאברהם, ולמה שאל איה השה לעולה. ותימה לומר שבשעת העקידה לא היה יצחק אבינו עדיין נביא. ואמר שיש ליישב, כי בפסוק נאמר כי לא יעשה ה׳ אלקים דבר, היינו דוקא עשיה, אבל כאן היה רק נסיון, וזה לא יודעים שאר הנביאים ע״כ.

**וכתב** שם (פ׳ תשא) עוד בשמו, בהא דאיתא (אבות ו-ו) בהמ״ח דברים שהתורה נקנית בהם, והאומר דבר בשם אומרו, שכל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם שנאמר (אסתר ב-כב) ותאמר אסתר למלך בשם מרדכי. ולכאורה מהו הרבותא שלא להתלבש באיצטלא שאינו שלו. אך כיון שנודע למרדכי על פי רוח הקודש עצת בגתן ותרש (מגילה ז.), אז גם לאסתר נודע, שהיתה נביאה (שם יד:), ועם כל זה נהגה בעין טובה לומר זה למלך בשם מרדכי, כיון שנגלה למרדכי. וזהו הקנין בתורה, שאף שגם הוא יודע חידוש זה, כיון שחבירו אמרה, הרי הוא נוהג בעין טובה, ואומר זה בשם חבירו, ולא בשם עצמו ע״כ.

**ומעתה** כיון שזכו אז כל הכלל ישראל למדריגת נבואה, על כן כאשר בא הדיבור למשה רבינו מפי ה׳, לך וקדשתם היום ומחר, השיגו זאת כל ישראל, ולא המתינו להתקדש בפרישה עד שבא משה למטה למסור להם דברי ה׳, אלא ברביעי ׳עביד׳ פרישה, גם קודם שאמר להם משה, שהשיגו כל זאת בעצמם בנבואה. ולכן במצות הגבלה שנאמר להם ביום השלישי, שזה לא היה נוגע למעשה תיכף, רק כאשר ירד ה׳ למטה על ההר, לא היה שייך שום עשיית פעולה, והמתינו עד שאמר להם משה מצות הגבלה, אבל פרישה שפיר שייך תיכף, ברביעי עביד פרישה גם קודם שנצטוו.

*

**ויש** בזה עוד מעלה נפלאה מקדושתן של ישראל, כי באמת אמר ה׳ למשה, לך אל העם וקדשתם היום

ומחר (יט-י), היינו שני ימים לבד, ומשה הוסיף יום אחד מדעתו, מאי דריש היום ומחר, היום כמחר, מה למחר לילו עמו אף היום לילו עמו, ולילה דהאידנא נפקא ליה (שבת פז.). וכתבו התוספות דאין זה דרשה גמורה, אלא משמע דהיום ממש, דאי לאו הכי אין זה מדעתו ע״כ. וכיון שכולם השיגו מאמר ה׳ שאמר למשה רק היום ומחר, ומשה מוסיף להם יום אחד מדעתו, הרי בין ששים רבוא ישראל היו הרבה שהיו יכולים לעמוד להעיז נגדו שאומר מדעתו נגד דברי ה׳, ששמעו מה׳ רק וקדשתם היום ומחר, ואף על פי כן קיבלו כל ישראל עליהם דברי חכמים להתקדש שלשה ימים, וקיבלו על עצמם לשמוע דברי חכמים, עוד קודם שקיבלו שמיעת תורת ה׳ שהיה לאחריו.

**ואם** כן אנו למדים מזה, עוצם החיוב של שמיעת דברי חכמים, שה׳ אמר וקדשתם היום ומחר וכו׳ כי ביום השלישי ירד ה׳ לעיני כל העם על הר סיני, ומשה אומר לישראל פרישה שלשה ימים, ורק ביום הרביעי ירד ה׳, והסכים ה׳ על ידו, ולא ירדה שכינה עד היום הרביעי. ועל זה נצטוינו מפי משה, רק השמר לך ושמור נפשך מאד פן תשכח וגו׳ ׳יום׳ אשר עמדת לפני ה׳ אלקיך בחורב, שלא היה ביום השלישי כמו שאמר ה׳ אלא למחרתו כמו שאמר משה. ועשה ה׳ כן עבור ׳אשר ילמדון ליראה ׳אותי׳ כל הימים׳, לירא מלעבור על דברי משה, ׳וגם את בניהם ילמדון׳, ללכת בדרכי אבותיהם לשמוע דברי חכמים. וזה נרמז בהנגינה, ׳קדמא ואזלא מונח רביעי׳, שבדין היה להקדים נתינת התורה מקודם, ביום השלישי, ומונח רביעי, שלא ירד ה׳ לנוח על ההר אלא ביום הרביעי, ומזה ילמדון ליראה אותי.

**ואם** כן ביום ששי בסיון קבלו ישראל על עצמם תורה שבעל פה, לשמוע דברי חכמים, וביום שביעי בסיון קבלו תורה שבכתב, עשרת הדברות. וביום הששי שלא ירד ה׳ על הר סיני, לימד לישראל תורה זו של שמיעת דברי חכמים, ושפיר אומרים בששי בסיון זמן מתן תורתנו, כי לולא קבלת דברי חכמים אי אפשר לנו לקיים כהוגן אפילו מצוה אחת כהוגן, ושפיר הוי זמן מתן תורתנו.

# בנעילת החג

**לך** אמור להם שובו לכם לאהליכם (דברים ה-כז). ביארו המפרשים שאחר שנסתיים מעמד מתן תורה, שנתעלו אז ישראל כמעלת המלאכים, אני אמרתי אלקים אתם, אמר להם ה׳ לא המדרש עיקר אלא המעשה, שובו לכם לאהליכם, מעתה מוטל עליכם להשתדל להוציא הדברים ששמעתם מכח אל הפועל, ולהתנהג כל עניני הבית על דרכי התורה. וכמו כן בכל שנה כאשר מגיע זמן מתן תורתנו, ויש לכל אחד התחדשות בקבלת עול התורה מחדש, וכל אחד התרומם במשך ימי החג לקרב עצמו להתורה, עתה היא העת שובו לכם לאהליכם, להתבונן איך יוכל לחיות מעתה יום יום עם הקבלה ההוא.

**ולבאר** הענין מהו ההתחדשות בכל שנה, הלא מושבעים ועומדים אנו על התורה מכבר, ומהו חידוש קבלת התורה מדי שנה בשנה. אך הכוונה, כי בחיצוניות צורת קיום המצות כולם שוין, אבל בפנימיות יש מדריגות לאלפים במדת היראה והאהבה והשמחה בעבודת קונו, אשר השגת האדם מתעלה בזה מדי שנה בשנה, שמכיר יותר גדולת הבורא ושפלות עצמו, והשגות האדם בשנה זו אינו דומה כלל להשגתו אשתקד, וכפי השגתו כעת עדיין לא קיבל על עצמו עול תורה, ומקבל כעת אותה מחדש. (וכידוע העובדא מרבי סעדיה גאון, הובא בסידורו של שבת דרוש ג ג-ה).

*

**ואמר** הכתוב (שמות כ-טו) וכל העם רואים את הקולות ואת הלפידים וגו׳, ויאמר משה אל העם אל תיראו, כי לבעבור נסות אתכם בא האלקים (לשון הרמה וגדולה), ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו. וברש״י על ידי שראיתם אותו יראוי ומאויים, תדעו כי אין זולתו ותיראו מלפניו ע״כ. ולכאורה הרי מדת היראה היה להם עוד בקריעת ים סוף, וכמו שנאמר (שם יד-לא) וייראו העם את ה׳. ועוד הלא יראה היא בלב, ולמה אמר שתהיה על פניכם. אבל באמת אית יראה ואית יראה, וכאשר אדם ירא ומפחד מאיזה דבר, יוכל להסתיר היראה בלבבו שלא ירגישו בזה בני אדם, ויתכן גם שתהיה צהלתו בפניו, אבל כאשר מתרמי לפניו מאורע של אימת מות, אז לא יוכל להסתירו בפנימיותו, אלא כולם יכירו על פניו את פחדו ויראתו. וכמו כן בני ישראל בודאי שהיה להם יראת ה׳ בלבבם תמיד, אבל כעת שהכירו גודל רוממותו, וראיתם אותו יראוי ומאויים, תתעלה מדת היראה עד שתהיה יראתו על פניכם דייקא. ואמרו חז״ל (נדרים כ.) זו הבושה, ליבוש מה׳ שיחטא כנגדו, גם כאשר אין רואה בחדרי חדרים.

**ואמר** ובעבור תהיה ׳יראתו׳ על פניכם. כי הנה הכתוב אומר (תהלים ה-ח) ואני ברוב חסדך אבוא ביתך

אשתחוה אל היכל קדשך ׳ביראתך׳. ולכאורה הוי ליה למימר ׳ביראה׳. אך הכוונה על פי מה שפירש מרן הבעל שם טוב זי״ע הכתוב (דברים י-יב) ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה׳, דהנה כאשר אב מצוה על בנו לבל ילך יחף, פן תינגפנה רגליו, הרי אם הבן עודנו קטן ועדיין אין בו דעת, שונה יראתו שלו מיראתו של האב. האב חושש לשלום רגליו של הבן, ואילו הבן מתיירא פן ילקהו אביו. אבל אם הבן הוא מבוגר וכבר יש בו דעת, אזי אין כל הבדל בין יראתו ליראת אביו. כמו כן השם יתברך נתן לנו תרי״ג מצוות כדי לשמור עלינו לבל נפגם את נשמתנו, ולא ניהפך על ידי הגוף למגושמים וגסי רוח ונתרחק חלילה ממנו. המצוות הן האמצעים העשויים לזקק ולזכך את האדם מן ההשפעות הגופניות הגשמיות (רצה הקדוש ברוך הוא לזכות, לשון זיכוך, את ישראל, לפיכך הרבה להם תורה ומצוות (מכות כג:)). והשם יתברך חפץ שיראתנו לא תהיה יראת העונש, כיראתו של אותו קטן בן בלי דעת, אלא שתהיה דומה ליראתו, שיהא האדם מתיירא מפני העבירה עצמה, לבל יורחק על ידה מהשם יתברך, ולבל ייהפך למגושם וגס רוח. וזהו שאמר, מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה׳ אלקיך, השם יתברך שואל מעמך כי תהיה יראתך דומה ליראתו (׳את׳ פירושה לפעמים ׳עם׳), שתתיירא מפני הנזק שהחטא גורם לנשמתך, ולא רק מפני העונש עכדה״ק.

**והנה** גם קודם מתן תורה בודאי שהיה לבני ישראל יראה מה׳, אבל זה היה בהשגה קטנה, אבל כעת הראה ה׳ לכם גודל רוממותו, ׳לבעבור נסות אתכם׳, לגדל ולרומם ההשגה שלכם, ובעבור תהיה ׳יראתו׳ דייקא על פניכם, שהיראה שלכם תהא דומה ליראתו, להשמר מן החטא מפני הנזק של פגם הנפש בעוברו על מצות התורה, ולא רק מפני העונש. ועל זה התפלל דוד, שכאשר אבוא אל ביתך, אשתחוה ׳ביראתך׳, עם היראה שלך, שתהא יראת האדם עם יראת הקב״ה שוה. – וכמו כן בכל שנה ביום מתן תורתנו יש להתעלות במדת היראה, שלא נעבדהו במדת היראה של ילד שחושש מפני העונש, אלא להגיע לאותה מדה של יראה שה׳ ירא שלא נחטא, ולהיות יראתו דייקא על פניכם.

*

**ואנו** קורין את החג הזה בשם ׳עצרת׳, דאיתא (אבות ו-ב) אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה שנאמר (שמות לב-טז) חרות על הלוחות, אל תקרי חרות אלא חירות ע״כ. ולכאורה אדרבה מי שאין עליו עול תורה אינו מוגבל, והוא בן חורין לעשות כל מה שלבו חפץ. אך האמת אינו כן, כי אדם כזה הוא חבוש תחת יצרו ותאוות חומרו, שאינו יכול להיות שליט על עצמו. וכאשר בא לידו איזה תאוה אינו יכול למשול על רוחו, ועושה מה שיצרו מכריחו, ואינו בן חורין ממנו לתת מעצור לנפשו. לא כן מי שמקבל על עצמו עול תורה, הוא שליט על רוחו, ואיזהו גבור הכובש את יצרו, והוא בן חורין לעשות מה שלבו חפץ, ולא מה שהיצר והחומר מכריחו. ועל כן חג זמן קבלת התורה אנו קורין ׳עצרת׳, להורות שהתורה נותנו לנו כח המעצור נגד היצר, וכמאמרם (קידושין ל:) בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין.

*

**והנה** חביבין ישראל שניתן להם כלי חמדה, חיבה יתירה נודעת להם שניתן להם כלי חמדה ׳שבו נברא העולם׳ (אבות ג-יד). וכדאיתא במדרש (ב״ר א-א) ואהיה אצלו אמון (משלי ח-ל), התורה אומרת אני הייתי כלי אומנתו של הקדוש ברוך הוא, בנוהג שבעולם מלך בשר ודם בונה פלטין, אינו בונה אותה מדעת עצמו אלא מדעת אומן, והאומן אינו בונה אותה מדעת עצמו, אלא דיפתראות ופינקסאות יש לו, לדעת היאך הוא עושה חדרים, היאך הוא עושה פשפשין, כך היה הקדוש ברוך הוא מביט בתורה ובורא את העולם ע״כ.

**ועניינו** הוא, כי יתכן שיעלה על דעת האדם, כי לפי מצבו בעולם הגשמי, שמוקף בנסיונות עצומות, קשה לקבל על עצמו עול תורה, ואין התורה מתאמת לפי רוח הזמן. כאשר אנו מתגוררים בין גויי הארץ השפלים, עם חומר הגוף שמתאוה לתאוות שפלות, אי אפשר לעמוד בזה לקיים התורה ומצותיה. אבל באמת אינו כן, כי בשעה שברא הקב״ה את העולם, ובראשם נזר הבריאה היא האדם וחומרו, הסתכל מתחלה בתורה, לראות ולהתבונן אם בריאה זו שהוא בורא כעת מתאמת עם התורה, אם יוכל האדם לעמוד בה בקיום מצותיה. ועל כל פעולה ופעולה שברא בעולמו הביט בהתורה, לעיין על כל מצוה ומצוה אם יוכל האדם לעמוד בזה בעולמו הגשמי.

**ולדוגמא** מי שיש לו מסחר גדול עם עשרות מכוניות גדולות שמייצרים סחורתו. וכאשר הוא רוצה לבנות בית חדש כדי להגדיל מסחרו, הוא מביט מתחלה על כל מכונה ומכונה אם יהיה לו מקום הגון בהבית, וכמה יהא גדול כל חדר וחדר שיוכל לסדר אותם שם. ואם לא יתאים הבית להמכוניות שלו אז לא יבנה ולא יקנה הבית ההוא, כי מה לו להבית אם אי אפשר להכניס שם חפציו. ועל דרך זה, תכלית הבריאה היא בשביל ישראל שנקראו ראשית, והתורה שנקראת ראשית (ב״ר שם), ואם אין מציאות בעולם הגשמי הזה לקיים התורה, מה חפץ יש בבריאת העולם. ועל כן מתחלה הסתכל באורייתא, ורק אחר כך ברא עלמא. וזהו החיבה היתירה שהודיע לנו שהכלי חמדה שנתן לנו ׳בו נברא העולם׳, שהציץ בה תחלה קודם שברא כל פרט ופרט בעולם, וראה שכל העולם כולו מתאמת עם התורה, ויש ביד האדם לעבדו בכל מצב ומקום שיהיה בעולם, ואין לך דבר שעומד בפני הרצון.

*

**ואחר** שגמר ה׳ ליתן תורתו לישראל אמר למשה, לך אמור להם שובו לכם לאהליכם (דברים ה-כז). דכל דבר שבמנין צריך מנין אחר להתירו (ביצה ה.). [ומבואר בתוספות שם דחיוב הפרישה שנצטוו קודם מתן תורה, משמע עולמית, והוצרכו להתירו ע״ש]. ונראה כי לזכות לכתרה של תורה אי אפשר רק בהתנהגות של קדושה ופרישות, והתורה נקנית במיעוט מאכל ומשתה ומיעוט תענוג (אבות ו-ה). ועבודת האדם הוא להעלות כל עניני גשמיים בכוונה לשם שמים, ולקיים בכל דרכיך דעהו (משלי ג-ו), וכמבואר בשלחן ערוך (או״ח סימן רלא) שכל מה שיהנה בעולם הזה לא תהא כוונתו להנאת גופו אלא להחזיק גופו לעבודת הבורא, ומי שנוהג כן עובד את בוראו תמיד ע״כ.

**והנה** קודם מתן תורה, בעוד שלא נבחרו ישראל לעם ה׳ לעבודתו יתברך שמו, היו כל עניני גשמיים מגושמים בתכלית, ורק לאחר קבלת התורה שקרבתנו מלכנו לעבודתו, שייך להעלות גם עניני הגשמיים לעבוד בהן את בוראו. ואם כן חיוב הפרישה שנצטוו במתן תורה, כפי מה שהיה עניני הגשמיים אז, נשארו בחיוב פרישה עולמית, ואמירת שובו לכם לאהליכם, היא לסוג גשמי אחרת, גשמי הנעלה שנכלל בעבודת העובד את בוראו תמיד.

**ומבואר** בגמרא (שבת פח.) בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע וכו׳, קשרו לכל אחד ואחד מישראל שני כתרים, וכיון שחטאו ישראל פירקום וכו׳, וכולן זכה משה ונטלן, דסמיך ליה (שמות לג-ז) ומשה יקח את ׳האהל׳ ע״כ. וברש״י לשון בהלו נרו (איוב כט-ג), והוא היה קירון עור פניו ע״כ. אם כן ׳אהל׳ הוא תואר על ׳אור׳. ועל כן אחר מתן תורה כאשר בא להתיר להם הפרישה, אמר להם ׳שובו לכם לאהליכם׳, יכולים אתם לשוב לעניני ׳הלכם׳, לכל הנאתכם (פסחים כג.), אבל תהא זאת ׳לאהליכם׳, באורה של נר מצוה ותורה אור, לכוין בכל דבר לשם שמים, ואז יאירו כל עניני גשמיים, להיות עובד את בוראו תמיד.

*

**והנה** לפעמים מתייאש האדם להתאזר עצמו לקבל עליו עול תורה אחר שעברו עליו ימי נערותו בהבל וריק, ואומר התחיינה עוד עצמות הללו אחרי שכבר עברו עליו רוב שנותיו. אמנם האמת כי לעולם לא מאוחר מלהתקרב לה׳, ולחדש עצמו בקבלת התורה. איתא בגמרא (שבת סג:) מאי דכתיב (קהלת יא-ט) שמח בחור בילדותיך ויטיבך לבך בימי בחורותיך והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך, ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט, עד כאן [עד ודע כי על כל אלה וגו׳] דברי יצר הרע, מכאן ואילך דברי יצר טוב ע״כ. וביאר האהל יעקב (בספרו קול יעקב קהלת שם) דבימי הילדות היצר הרע מחטיא את האדם ליהנות ממחמדי העולם הזה. ולעת זקנתו כאשר מתעורר האדם לשוב אל ה׳, אז עושה עצמו היצר הרע כיצר טוב, ואומר לו ודע כי על כל אלה יביאך אלקים במשפט, וממילא אין לך מנוס מגיהנם, וכבר אבדת את עולמך הנצחי, תהנה על כל פנים עוד בעולם הזה. וזהו שמח בחור בילדותיך, עד כאן דברי יצר הרע, ואחר שחטא האדם, מכאן ואילך מדבר אליו היצר הרע כמו שהיה ראוי להיות דברי היצר טוב, ודע כי על כל אלה יביאך אלקים במשפט, כדי לשבור את רוחו, שלא יתן לבו לתקן את אשר שחת ע״כ.

**ויש** להוסיף כי חז״ל רימזו לנו כאן אופן דיבורו של היצר הרע והיצר טוב, כדי שיהיה ביכולת האדם להבין מי הוא המדבר אליו. והיינו כי היצר הרע חוזר ומעלה על דעת האדם לחשוב רק מהעבר שלו, ובזה ישבור רוחו כי כבר אבד עולמו, ואין בידו מה לעשות, ההפסד כבר נעשה ואין לו תיקון. ו׳עד כאן׳ דברי היצר הרע, דבריו הם תמיד מהעבר, מה שעבר עליו עד כאן, ובזה יתיאש מן התשובה, אבל ׳מכאן ואילך׳ דברי יצר טוב, הוא אומר להאדם לא תביט כעת על העבר, אלא על העתיד הפורח שיש עדיין לפניך, ימים ושנים רבות שתוכל עוד לעבוד את בוראך ולתקן את הכל, ותן עיניך על העתיד ולא על העבר.

**ומבואר** בגמרא (מועד קטן כה.) העומד על המת בשעת יציאת נשמה חייב לקרוע, למה זה דומה לספר תורה שנשרף שחייב לקרוע ע״כ. ומבואר ברש״י (על הרי״ף) הואיל ועדיין היה יכול ללמוד הרי זה כספר תורה שנשרף ע״כ. והוא מוסר השכל, אשר גם אדם פשוט שמת, דומה לספר תורה, כי לולא שמת היה ביכלתו להגיע להיות עוד כספר תורה.

*

**והנה** ראשית העבודה היא, לקבוע עתים לתורה, כי היא התריס היחידי נגד היצר הרע, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). ואל יטעהו יצרו כי טירדת הפרנסה מעכבתו, שהרי אמרו (אבות ג-ה) כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. וכמו שביאר בישמח משה (פ׳ בשלח ד״ה במדרש) כי בחטא אדם הראשון נגזר בזעת אפיך תאכל לחם (בראשית ג-יט), ויש לחם גשמי שהאדם מתפרנס ממנו, ולעומת זה יש לחם רוחני, התורה הקדושה, כמו שנאמר (משלי ט-ה) לכו לחמו בלחמי. והבוחר לעצמו לעמול על התורה, מתקיים אצלו בזה בזעת אפיך תאכל לחם, ומעבירין ממנו עול מלכות ודרך ארץ. וכבר דברנו (בל״ג בעומר העל״ט) שזהו ענין שתי הלחם שהקריבו בחג השבועות זמן מתן תורתנו (ויקרא כג-יז), לרמז להאדם כי יש לפניו שתי לחמים, ורק מי שאינו מקבל על עצמו עול תורה, צריך ליתן עמלו וזיעת אפו עבור הלחם הגשמי.

**ועל** זה אמרו (פסחים סח:) רב יוסף ביומא דעצרתא אמר, עבדי לי עגלא תלתא, אמר אי לאו האי יומא דקא גרים, כמה יוסף איכא בשוקא ע"כ. והכוונה היא, כי עד קבלת התורה לא היה לנו רק לחם אחת, לחם גשמי, אשר כל אחד ואחד היה צריך לעמול על מחייתו, כפי מה שנגזר בזעת אפיך תאכל לחם. אבל ביומא דעצרתא שקבלנו התורה, ניתוסף לנו עוד לחם, היא התורה הקדושה שנקראת לחם, ואין צריכין עוד לצאת לשוק לעמול על הפרנסה, כי יש לקיים זאת בעמל התורה, לכו לחמו בלחמי, והמקבל על עצמו עול תורה מעבירין ממנו עול דרך ארץ. ולכן הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם, מאי טעמא יום שניתנה בו תורה (שם), והיינו כי על ידי עמל התורה אין צריך להתעמל על לחמו, ויוכל לשמוח במאכל ומשתה. וזהו שאמר רב יוסף, אי לאו האי יומא דקא גרים, שניתוסף לנו עוד סוג לחם, זו התורה, שנוכל לקיים בה בזעת אפיך תאכל לחם, כמה יוסף איכא 'בשוקא', היה מוטל על כל לומדי תורה להמצא בשוק לצורך פרנסתם. אבל כעת שאנו עמלים בלחמה של תורה, מעבירין מהם עול מלכות ודרך ארץ.

* * *

**מען** האט געהאט אזא גרויסן יום טוב, זמן מתן תורתנו, צוויי טאג וואס יודען זענען געזעצן מיט מחשבות פון קבלת התורה. ווען מען האט געענדיגט דעם מעמד פון הר סיני האט דער אייבערשטער געזאגט פאר יודישע קינדער, לך אמור להם שובו לכם לאהליכם (דברים ד-ט), גייטס צוריק צו אייערע געצעלטן, אין הייליגע ספרים שטייט, עס איז געווען ביים בארג סיני געוואלדיגע גילויים וואס יודען האבן געזעהן, דער אייבערשטער האט זיך נתגלה געווען, אנכי ה' אלקיך, געעפענט אלע הימלען, מען האט געזעהן די אחדות פונעם אייבערשטער, יודען האבן מקבל געווען דארטן די תורה מיט התפשטות הגשמי, אני אמרתי אלקים אתם, אבער דער תכלית איז נישט אז מען זאל בלייבן דארט מיט ואני אמרתי אלקים אתם וואס מען האט געהאט ביים בארג סיני, מיר דארפן עס יעצט אהיימטראגן צו זיך אין שטוב. משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, לך אמור להם שובו לכם לאהליכם, וואס עטס האטס געהאט דא ביים בארג סיני דאס זאלט עטס אהיימטראגן צו ענק אין שטוב אריין, זיך פירן אויף דעם וועג וואס מען האט מקבל געווען די תורה.

**יעדעס** יאר חזר'ט זיך איבער זמן מתן תורתנו, יעדער יאר איז דא דער יום טוב פון שבועות וואס מען איז מקבל פונדאסנייע די תורה, אז ס'קומט די ענדע פונעם יום טוב, איז די עבודה לך אמור להם שובו לכם לאהליכם, מיטנעמען וואס מ'האט זוכה געווען משיג צו זיין דעם יום טוב, וואס מען האט מקבל געווען איבערן יום טוב, זאל מען אהיימנעמען צו זיך אין שטוב אריין.

*

**וואס** מיינט דאס אז יעדן יום טוב שבועות איז א זמן פון מתן תורה, אונז ווייס מיר אז מען האט מקבל געווען די תורה, און די תורה ווערט נישט נשתנה, וואס איז שייך א קבלה אויף א זאך וואס מען האט שוין מקבל געווען פון פארדעם.

**נאר** דער הסבר דערפון איז, דער באר מים חיים (סידורו של שבת דרוש ג' ג-ה) ברענגט עס צו פונעם רבי סעדיה גאון, אז די תלמידים האבן אמאל געזעהן דעם רבי סעדיה גאון וויאזוי ער האט געמאכט גלגול שלג, האבן אים די תלמידים געפרעגט, דער רבי דארף האבן אזעלכע סיגופים, דער רבי האט דען עובר געווען אויף אזעלכע עבירות אז ער דארף דאס אדורכגיין. האט ער געזאגט ניין, איך האב נישט עובר געווען אויף אזעלכע עבירות, נאר איך האב עס אפגעלערנט פון א מעשה וואס האט פאסירט ביי מיר, איך בין געווען אין א שטאט, איך בין געווען א גאסט דארטן, איך האב נישט געזאגט ווער איך בין, און דער בעל הבית וואו איך בין איינגעשטאנען האט מיך נישט געקענט, ער האט מיך מכבד געווען אזוי ווי מען נעמט אויף יעדן אורח. נאכדעם איז ארויסגעקומען די ידיעה אז רבי סעדיה גאון וואס איז געווען אין די וועלט מפורסם געפינט זיך אין שטאט, און די גאנצע שטאט איז זיך צוזאמענגעקומען, קען מען זיך פארשטעלן אז דער בעל הבית ביי וועם ער איז איינגעשטאנען האט אים יעצט אנדערש מכבד געווען פון וואס ער האט אים מכבד געווען ביז יעצט. ווען ער איז אוועקגעגאנגען, רבי סעדיה גאון האט זיך געזעגנט, איז דער בעל הבית געפאלן אים צו די פיס, און ער האט אים געבעטן דער רבי זאל אים מוחל זיין. פרעגט ער אים אויף וואס זאל איך דיר מוחל זיין, דו האסט מיך אזוי שיין אויפגענומען די גאנצע צייט. זאגט ער, אמת, אבער אין די פאר שעה ווילאנג איך האב נאכנישט געוואוסט ווער דער רבי איז, האב איך אויפגענומען אזוי ווי איך נעם אויף א פשוטע יוד, איך האב נישט אויפגענומען אזוי ווי עס דארף צו זיין, אויף דעם בעט ער ער זאל אים מוחל זיין. האט רבי סעדיה גאון געזאגט, א יעדער יוד דינט דעם אייבערשטען, אבער פון טאג צו טאג דארף דאך ווערן ביי א יוד די הכרה א גרעסערע הכרה ווער דער אייבערשטער איז, צו וועם אונז דינען, און ווי אזוי מיר דארפן צו דינען, איך טוה תשובה אויף די יארן וואס איך האב געהאט אין די יוגענט וואס איך האב נאכנישט מכיר געווען דעם אייבערשטען, די גרויסקייט פונעם באשעפער, וויאזוי איך האב דעמאלטס געדינט דעם אייבערשטען, אויף דעם טוה איך תשובה.

**יעדער** יוד האט מקבל געווען די תורה, אבער וואו א יאר א יוד ווערט עלטער, איז די השגות פון א מענטש

אנדערשט, מען ווערט אויפגעהויבן פון די עניני העולם הזה, מען טראכט שוין אנדערשט, די קבלת התורה יעדעס יאר איז פאר א נייער סארט מענטש וואס ער איז נישט געווען פאריאר. פאריאר האט ער געקענט מקבל זיין די תורה לויט זיינע השגות וואס ער האט געהאט פאריאר, אבער אין משך הזמן ביי יעדן מענטש קומט דאך צו פון יאר צו יאר בינה, מיט די נייע בינה וואס ער האט באקומען האט ער נאכנישט מקבל געווען די תורה. דאס איז יעדעס יאר דא א זמן מתן תורתנו, צו דינען דעם אייבערשטען אנדערשט ווי פאריאר. יעדע מצוה וואס מען טוט איז דאך שייך צו טוהן בכמה אופנים, און אזויפיל מדריגות איז דא אין עבודת השם, יראה, וואספארא סארט יראה, אהבה, וואספארא סארט אהבה, ס׳איז דא טויזענטער מדריגות דערין. יעדער יוד ווען עס קומט דער זמן מתן תורתנו, איז מקבל אויף זיך צו דינען דעם אייבערשטען, אז די זעלבע מצוה וואס ער האט געטוהן נעכטן, די זעלבע דאווענען וואס ער האט נעכטן געדאווענט, מארגן וועט עס אויסקוקן אנדערשט, די תפילין וואס איך האב נעכטן געלייגט, וועט מארגן אויסקוקן אנדערש, לויט די השגה וואס מען האט צובאקומען, אויף דעם איז מען מקבל די תורה יעדעס יאר פונדאסניי.

*

**מען** געפינט אין די תורה סוף פון די עשרת הדברות, וכל העם רואים את הקולות ואת הלפידים ואת קול השופר וירא העם וינעו ויעמדו מרחוק (שמות כ-טו), און זיי האבן געבעטן משה רבינו דבר אתה עמנו ונשמעה פן נמות, ויאמר משה אל העם אל תיראו כי לבעבור נסות אתכם בא אלקים, וואס עטס האטס געזעהן איז געווען ווייל דער אייבערשטער וויל ענק דערהייבן, ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו, עטס זאלטס האבן דעם יראה פונעם אייבערשטער אויף ענקער פנים אז מען זאל נישט זינדיגן. רש״י טייטשט לבעבור נסות אתכם, לגדל אתכם בעולם, דער אייבערשטער וויל ענק מגדל זיין אויף דער וועלט, שיצא לכם שם באומות שהוא בכבודו נגלה עליכם, וועגן דעם איז געווען אזעלכע גרויסע קולות וואס מען האט געהערט אין די גאנצע וועלט, דורכדעם וועלן יודען זיין דערהויבן וואספארא חשוב פאלק יודען זענען, זיי וועלן זעהן וואספארא גרויסער באשעפער האט זיך אנטפלעקט צו זיי. ובעבור תהיה יראתו על פניכם, זאגט רש״י, דורכדעם וואס עטס האטס געזעהן דעם אייבערשטען יראוי ומאויים, אזוי פארכטיג האט מען געזעהן דעם גרויסקייט פונעם אייבערשטער, תדעו כי אין זולתו ותיראו מפניו. וועגן מען האט געזען אזא מראה פון אזא געוואלדיגע יראה, אויסטערליש, וואס איז געווען ביי מעמד הר סיני, דאס וועט צוברענגען אז ס׳זאל זיין יראתו על פניכם, אז מען זאל נישט זינדיגן.

**עס** דארף א ביאור, דער אייבערשטער האט געדארפט מאכן בעבור תהיה יראתו על פניכם, זיי האבן דען נישט געהאט קיין יראת השם פארדעם, ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון מצרים שטייט וייראו העם את ה׳ ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו (שם יד-לא), יודען האבן מורא געהאט פונעם אייבערשטען די גאנצע צייט פארדעם אויכעט, וואס האט אויסגעפעלט כי לבעבור נסות אתכם בא האלקים, דער אייבערשטער וויל ענק דערהייבן כדי ס׳זאל זיין יראתו על פניכם, ס׳זאל זיין לבלתי תחטאו.

**נאר** אין יראה אליין איז דא אסאך ערליי מדריגות, אודאי ביז יעצט איז אויכעט געווען אז יודען האבן מורא געהאט פונעם אייבערשטען, נאר זיי האבן מורא געהאט מיט גשמיות׳דיגע השגות, וואו אזוי זיי זענען געווען ביי יציאת מצרים, זיי זענען געווען עבדים און זיי זענען ארויסגעקומען, די השגות איז נישט געווען, ס׳איז געווען א קליינע מדריגה פון יראה, יעצט ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, דער אייבערשטער האט זיך באוויזן צו אונז, איז יראה אן אנדערער סארט יראה פון וואס ס׳איז געווען פארדעם. יראה איז בדרך כלל אין הארץ, דארף ווען שטיין בעבור תהיה יראתו ׳בלבבכם׳, אין הארץ זאל זיין יראה, דער אייבערשטער האט געזאגט ס׳זאל זיין יראה ׳על פניכם׳. נאר ווען א מענטש האט מורא קען ער דאס באהאלטן, אין הארץ האט ער מורא, אבער אינדרויסן, אן אנדערער וועט עס נישט באמערקן, צהלתו קען זיין בפניו ואבלו זאל זיין בלבו. ווען א מענטש האט אבער א שטארקע יראה, אימת מות, קען ער דאס נישט באהאלטן, אויפן פנים וועט זיך דערקענען די יראה. אודאי אין הארץ האבן זיי געהאט יראה ביז יעצט אויכעט, אבער דער אייבערשטער האט אונז דערהויבן בעבור תהיה יראתו ׳על פניכם׳, יראה דארף זיין אזוי גרויס אין הארץ אז ס׳זאל זיך דערקענען אויפן פנים. אויף א ערליכע יוד דערקענט זיך יראת שמים אויפן פנים. ס׳איז נישט גענוג אז די יראה זאל זיין אין הארץ, לבעבור נסות אתכם בא האלקים, דער אייבערשטער וויל ענק דערהייבן צו א העכערע מדריגה פון וואס עטס זענטס געווען ביז יעצט, אז ס׳זאל זיין יראתו על פניכם, עס זאל זיין אויף ענקער פנים אליין.

**און** ער זאגט בעבור תהיה ׳יראתו׳ על פניכם. מען ברענגט צו א ווארט פונעם בעל שם טוב הקדוש, ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה׳ אלקיך (דברים י-יב), האט דער הייליגער בעל שם טוב הקדוש געזאגט, אז א קינד פארשטייט נישט אלעמאל וואס די עלטערן ווילן פון אים, ער פארשטייט נאר איין זאך, ער האט געטוהן א גוטע זאך וועט ער באקומען א באלוינונג דערפאר, און טאמער וועט ער טוהן א זאך וואס ער דארף נישט וועט ער באקומען א פאטש, די שפראך פארשטייט ער, עפעס אנדערש פארשטייט ער נישט. אז עלטערן ווילן אז דאס קינד זאל

נישט אראפגיין אויף א פלאץ וואו קארס פאהרן, קענען זיי אים נישט זאגן גיי נישט דארטן ווייל ס׳איז א סכנה קענסט דיך שעדיגן, ווייל ער פארשטייט נישט וואס דאס מיינט שעדיגן ווען ער וועט גיין דארט, נאר ער וועט אים געבן א פאטש אויב ער גייט דארט, דאס פארשטייט ער. די יראה פונעם טאטען און די יראה פונעם קינד איז צוויי ערלייי סארט יראה׳ס, דאס קינד גייט נישט אראפ ווייל ער האט יראה אז דער טאטע וועט אים שלאגן, און די יראה פונעם טאטען איז אז דאס קינד זאל נישט געשעדיגט ווערן, וועגן דעם האט ער אים געהייסן ער זאל נישט אראפגיין.

**ווען** דער אייבערשטער זאגט פאר אונז, אונז זאל מיר טוהן די מצוות פון די תורה, אז נישט וועט זיין אן עונש, אונז טוה מיר אסאך מאל די מצוה ווייל מיר ווילן נישט האבן דעם עונש, טוען מיר וואס ער הייסט. דער אייבערשטער וואס הייסט טוהן די מצות איז ווייל דער אייבערשטער ווייסט אז די זאכן זענען פוגם דעם נפש, אונז ווארט מיר דאך אויף א חיי עולם הבא, און מען קען נישט צוקומען דארטן נאר אז מען איז ריין. די יראה וואס דער אייבערשטער האט אז אונז זאל מיר נישט טוהן קיין עבירה איז אן אנדערע סארט יראה פון וואס אונז האב מיר. דעם אייבערשטערנס יראה איז אז מיר זאלן נישט געשעדיגט ווערן דורך דעם וואס אונז טוה מיר די עבירה, דער מענטש׳ס יראה איז אז ער זאל נישט באקומען קיין עונש דערויף. זאגט דער הייליגער בעל שם טוב הקדוש, ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך, כי אם ליראה ׳את׳ ה׳ אלקיך, את טייטשט אסאך מאל ׳מיט׳ דעם אייבערשטער, דיין יראה זאל נישט זיין קיין יראת העונש, נאר עס זאל זיין די זעלבע יראה וואס דער אייבערשטער האט, דאס זאלסטו האבן.

**אונז** זאג מיר ביים דאווענען ואני ברוב חסדך אבוא ביתך אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך (תהלים ה-ח), יראתך, מיט דיין יראה, ווען אונז קום מיר אין בית המדרש דאווענען, אונז טוה מיר די מצוות פונעם אייבערשטער, טוען מיר בעטן, מיר זאלן עס קענען טוהן ׳ביראתך׳ מיט דיין יראה, מיט דעם וועג וואס דער אייבערשטער האט יראה אז מיר זאלן קענען האלטן די תורה הקדושה, אויף דעם וועג בעטן מיר אז מיר זאלן קענען טוהן די עבודת השם. לבעבור נסות אתכם בא האלקים, דער אייבערשטער איז געקומען און ער האט ענק דערהויבן ובעבור תהיה ׳יראתו׳ על פניכם, יראה פונעם אייבערשטער האט עטס געהאט ביז היצט אויכעט, אבער ׳יראתו׳ די זעלבע סארט יראה וואס דער אייבערשטער האט אז מיר זאלן נישט טוהן קיין עבירות, דאס זאל זיין על פניכם, אויף ענקער פנים.

*

**דער** יום טוב ווערט אנגערופן ׳עצרת׳, אין די תורה ווערט עס אנגערופן שבועות, אונז רוף מיר דאס אהן עצרת. די ביאור דערפון איז, די משנה זאגט דאך (אבות ו-ב) אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה, חרות על הלוחות (שמות לב-טז), אל תיקרי חרות אלא חירות, איינער וואס האלט די תורה דער ווערט אנגערופן א בן חורין, איינער וואס האלט נישט די תורה איז נישט קיין בן חורין. לכאורה דער שכל זאגט פארקערט, איינער וואס האלט נישט די תורה האט נישט קיין גבולים, ער קען טוהן וואס ער וויל, און איינער וואס האלט די תורה איז נישט קיין בן חורין, ער קען נאר טוהן וואס די תורה האט אים געהייסן.

**שטייט** אין די הייליגע ספרים אז ניין דער פשט איז אנדערש, דער וואס האט נישט קיין תורה דער איז אונטער זיין יצר הרע, אונטער זיינע תאוות, ער קען זיך נישט אקעגן שטעלן, ער האט נישט דעם כח המעצור זיך אקעגן צושטעלן אויף דעם וואס דער יצר הרע רעדט אים צי צו טוהן. עס קומט אים א תאוה, עס קומט אים א מאכל צו עסן, דער גוי, יא כשר נישט כשר, און וויאזוי מען עסט עס, ער קען זיך נישט צוריקהאלטן, ער נעמט עס און ער עסט עס, ער האט נישט דעם כח ער זאל זיך קענען צוריקהאלטן, ווייל ער איז כפוף אונטער זיין יצר, און ביי די אנדערע תאוות וואס איז שייך, איז אויך די זעלבע. ביי א יוד אבער איז נישט אזוי, אז ער וויל עסט ער עס, אז ער וויל נישט עסט ער עס נישט, די תורה האט אונז געגעבן דעם כח אונז זאל מיר קענען זיין א בן חורין. אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה, אז מען איז נישט עוסק בתורה, איז אלעס אונטער דעם יצר הרע און מען האט נישט דעם כח אקעגן צושטעלן זיך דערצו.

**אונז** האב מיר מקבל געווען די תורה, איז דאס א יום טוב פון עצרת, פאר אונז האט דער אייבערשטער געגעבן דעם כח צו קענען האבן א כח המעצור. צו קענען זאגן ניין, דאס נעמט זיך פון דעם כח וואס מיר האבן מקבל געווען די תורה, עס איז געווען א ׳עצרת׳ ביי קבלת התורה.

*

**עס** שטייט אין מדרש (ב״ר א-א) ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן די וועלט מיט די תורה, דער אייבערשטער האט אריינגעקוקט אין די תורה, כלי אומנתו של הקב״ה, און לויט דעם ציור פון די תורה האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט. די משנה זאגט (אבות ג-יד) חביבין ישראל שניתן להם כלי חמדה, חיבה יתירה נודעת להם שניתן להם כלי חמדה ׳שבו נברא העולם׳, דער אייבערשטער האט מיט דעם באשאפן די וועלט. פשוט לערנט מען אפ, דער מדרש לייגט דאס אזוי אראפ, אזוי ווי יעדער וואס בויעט א בנין האט ער קודם פאר זיך א פארשריפט ווי אזוי מען דארף בויען דעם בנין, די תורה דאס איז די פארשריפט פון די וועלט. בי הציץ הקב״ה, און אזוי האט ער באשאפן די וועלט. מען וויל

ארויסברענגען די חשיבות פון די וועלט, אז די וועלט איז באשאפן געווארן דורך די תורה.

**אין** דעם ביאור ליגט אבער אסאך מער, א מענטש קען אסאך מאל זאגן, אמת מיר האבן מקבל געווען די תורה, די תורה הייסט מען דארף אזוי צו טוהן, אבער אין די היינטיגע וועלט קען מען אזוי נישט לעבן, אונז זעמיר אין א וועלט וואס איז א גשמיות׳דיגע וועלט, אז די תורה וואלט געגעבן געווארן לחיי עולם הבא, וואו ס׳איז נישט דא קיין אכילה ושתיה, נישט קיין ביזנעס מיט קיין געשעפטן, מען זיצט נישט מיט קיין גויים צוזאמען, קען מען האלטן די תורה, אבער מען קען נישט האלטן די תורה אין אזא וועלט וויאזוי אונז לעב מיר היינט. **אבער עס איז נישט אזוי, דער אייבערשטער ווען ער האט באשאפן די וועלט, האט ער גענומען די תורה און ער האט אריינגעקוקט אין די תורה, און אזוי האט ער באשאפן די וועלט, כדי אז די וועלט זאל זיין אויסגעשטעלט אז אלע דרכי התורה וואס דער באשעפער פארלאנגט פון אונז זאל מען קענען אין די וועלט אויספירן. אויב וואלט עס נישט געווען מעגליך מען זאל קענען האלטן א חלק פון די תורה אין די מצב, וואלט דער אייבערשטער נישט באשאפן אזוי די וועלט.**

**א** מענטש האט א גרויס געשעפט, און ער האט איינגעקויפט אלע מאשינעריי וואס ער דארף האבן צו דעם, נאכדעם דארף ער האבן א בנין וואו ער לייגט עס אריין, ער בויעט א בנין צו ער קויפט א בנין, ער דארף דאך האבן א בנין אז די אלע זאכן וואס ער האט איינגעקויפט זאלן האבן פלאץ עס זאל קענען אריינגיין. יעדער פלאץ וואס ער גייט קוקן אדער וואס ער גייט בויען, קוקט ער די שטוב צו ס׳וועט האבן פלאץ עס זאל קענען אריינגיין דערין, טאמער עס וועט נישט אריינגיין די זאכן וואס ער וויל האבן דארטן, וועט דער בנין נישט טויגן. דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, און די וועלט מוז זיין צוגעפאסט צו די תורה, אז די וועלט איז נישט צוגעפאסט צו די תורה, קען מען נישט האלטן די תורה, האט דער אייבערשטער גענומען די תורה ער האט אריינגעקוקט אין די תורה, יעדע מצוה האט ער געקוקט צו ס׳וועט זיין מעגליך ווען ער וועט באשאפן די וועלט, אז מען וועט זיך קענען דארט אזוי פירן, און ער האט אויף דעם וועג באשאפן די וועלט. אויב עס וועט זיין א סתירה מיט די וועלט, וואלט דער אייבערשטער נישט באשאפן אזוי די וועלט.

**קומט** אויס, אז דאס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט מיט די תורה, ווייזט אונז אז א יוד קען מקיים זיין כל התורה כולה אין וועלכן מצב ער איז, וואו ער איז, וויאזוי ער איז, קען ער האלטן די תורה. ווייל דער אייבערשטער האט אריינגעקוקט קודם אין די תורה און אזוי באשאפן די וועלט, צו ווייזן אז מען קען האלטן די תורה איבעראל. דאס איז די חשיבות אז די תורה איז א כלי חמדה שבו נברא העולם, יעדער מצב וואס א מענטש איז, קען ער זיך האלטן מיט דעם, מיטן חלק התורה. אז דער אייבערשטער האט קודם אריינגעקוקט אין די תורה און נאכדעם האט ער באשאפן דעם מענטש, מוז זיין אז יעדער איינער קען צוקומען צו דעם, אז וואו אימער ער געפינט זיך זאל ער זיך קענען האלטן בדרכי התורה.

*

**דער** אייבערשטער האט זיי געזאגט שובו לכם לאהליכם, מען גייט אוועק פון דעם יום טוב, פון קבלת התורה, יעדער זאל אהיימגיין צום געצעלט. דער אייבערשטער האט זיי מצוה געווען מיט פרישה פאר קבלת התורה, וקדשתם היום ומחר, **מען קען נישט מיט גשמיות צוגיין צו קבלת התורה, מען דארף זיך אביסל פורש זיין פון די וועלט, זיך מקדש זיין, אזוי קען מען צוגיין צו קבלת התורה.** דער אייבערשטער האט שפעטער געזאגט אז מען קען צוריק אהיימגיין, מיינט דאס נישט צוריק אהיימצוגיין צום גשמיות׳דיגן לעבן ווי אזוי מען האט געלעבט פארדעם, אונז האב מיר דאך באקומען א תורה, די תורה האט געטוישט דעם גאנצן גשמיות׳דיגע לעבן וואס מען האט געהאט פריער, די תורה האט עס געטוישט אז עס געווארן ניי.

**מען** געפינט אין די גמרא (שבת פח.), אז יעדער יוד האט דאך באקומען שני כתרים, ביים חטא העגל האט מען צוגענומען די כתרים, זאגט די גמרא וכולן נטלן משה, משה רבינו האט דאס באקומען שנאמר (שמות לג-ז) ומשה יקח את האהל, טייטש רש״י אין פשט ׳אהל׳ טייטשט ליכטיגקייט, בהלו נרו עלי ראשי (איוב כט-ג), די שני כתרים איז דאך געווען מזיו השכינה, ומשה יקח את האהל, משה רבינו האט גענומען די גאנצע ליכטיגקייט. דער אייבערשטער האט געזאגט פרישה, מען קען נישט מקבל זיין די תורה אזוי ווי עס איז, ווען דער אייבערשטער האט מתיר געווען, איז נישט ער האט מתיר געווען גיי צוריק צו די זעלבע גשמיות׳דיגע וועלט וואס דו האסט געהאט פריער, שובו לכם, נעמטס ענק דעם ׳לכם׳ גייטס צוריק ׳לאהליכם׳ אז עס זאל לייכטן דער לכם, **די זעלבע זאך וואס מען האט געטוהן אין גשמיות פאר מתן תורה, איז נאך מתן תורה קען מען טוהן די זעלבע זאך אז ס׳זאל לייכטן. פארדעם איז עס געווען חושך, און נאכדעם איז עס אור. ווייל נאכדעם וואס אונז האב מיר מקבל געווען די תורה, קען א יוד מיט יעדע זאך פונעם לעבן דינען דעם אייבערשטען און זיין אן עובד השם. עס שטייט אין שלחן ערוך** (או״ח סימן רלא), **ווען א מענטש איז מכוון עניני גשמיות לשם שמים ׳נמצא עובד את בוראו תמיד׳, מען גייט ארויס אין געשעפט, מען איז גאנצעטע שעה׳ן אינדרויסן, קומט ער אהיים מיט א פעקל עבודת השם, אויב עס איז געווען ערליך. אז מען האט אינזין געהאט דעם אייבערשטער, איז עס עבודת השם.**

האט דער אייבערשטער געזאגט איך בין ענק מתיר צוריקצוגיין אהיים, שובו לכם לאהליכם, אבער שובו לכם, נעמטס דעם לכם ׳לאהליכם׳ ס׳זאל לייכטן, די זעלבע זאך וואס מען האט געטוהן פארדעם, קען עס יעצט זיין אויף א וועג אז ס׳זאל לייכטן. דאס איז דער מתן תורה וואס אונז האבן מקבל געווען, און יעדער נעמט אויף זיך נייע בשעת עס קומט דער יום טוב פון שבועות, אז מען זאל פון היינט אן דינען דעם אייבערשטער אויף א ליכטיגערן וועג פון וואס מען האט געדינט דעם באשעפער ביז יעצט.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת סג:) אויף דעם פסוק אין קהלת (יא-ט) שמח בחור בילדותיך, ויטיבך לבך בימי בחורותיך והלך בדרכי לבך ובמראה עיניך, ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט. מען זאגט דעם בחור פריי דיך בילדותיך, גיי בדרכי לבך ובמראה עיניך, גיי נאך וואס דיינע אויגן זעהט, גיי נאך די תענוגי עולם, אבער דאס זאלסטו וויסן, כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט, דער אייבערשטער וועט דיך ברענגען נאכדעם אויף די אלע זאכן במשפט. די גמרא שטעלט זיך דארט, ווער זאגט דאס, דער יצר טוב צו דער יצר הרע, ער הייבט אהן שמח בחור בילדותיך איז דאך די ווערטער פונעם יצר הרע, ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט, איז דאך ווערטער פונעם יצר טוב, ווי אזוי שטימען די פסוקים. זאגט די גמרא אז דאס איז אפגעטיילט, דער ערשטער פסוק שמח בחור בילדותיך, עד כאן דברי יצר הרע, מכאן ואילך, ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט, דאס איז דברי יצר טוב.

**שטייט** א דבר נפלא אין אהל יעקב, אז דער יצר הרע אין די יוגענט פונעם מענטש רעדט ער אים צו ער זאל נאכגיין נאך תענוגי עולם הזה, מען ווערט עלטער און מען הייבט זיך אהן צו כאפן, מען וועט אפגעבן דין וחשבון אויף אלעם וואס מען האט געטוהן, מען וויל אנהייבן צו גיין אויף א נייעם וועג פון וואס ער איז געווען ביז יעצט, דעמאלטס קומט דער יצר הרע, און ער זאגט אים, יעצט איז שוין צו שפעט, דו האסט דאך אזויפיל געזינדיגט, דו וועסט ממילא האבן א משפט אויף וואס דו ביזט אדורכגעגאנגען ביז יעצט, דו וועסט שוין נישט ארויסקריכן פונעם שאול תחתית, וואס איז א חילוק צו דו וועסט האבן געטוהן אפאר עבירות מער אדער ווייניגער, דו קענסט שוין נישט צוריקגיין פון דעם וואס דו ביזט געווען פארדעם. ער נעמט די ווערטער פונעם יצר טוב, וואס דער יצר טוב זאגט אז עס וועט זיין א משפט אויף אלעם וואס דו וועסט טוהן, און ער לייגט עס אריין אין זיין פעקל כדי צוריקצוהאלטן דעם מענטש ער זאל זיך נישט טוישן פון וואס ער איז געווען פון פארדעם. אין דער יוגענט זאגט ער אים שמח בחור בילדותיך, דאס איז די ווערטער פונעם יצר הרע, נאכדעם ווען עס קומט אויף דער עלטער, ער וויל תשובה טוהן, ער וויל טוישן זיין מהלך פון וואס ער איז געוועזן, דעמאלטס קומט ער מיט די ווערטער פונעם יצר טוב, ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט, דו וועסט דאך ממילא האבן א משפט, דו וועסט ממילא נישט ארויסקריכן, וואס זאגסטו אז אויף דער עלטער וועסטו דיך טוישן.

**און** דאס איז פאלש, א יעדער יוד דארף צו וויסן, עס איז נישט קיין נפקא מינה ווי אלט מען איז, און וואס עס איז געוועזן פארדעם, א איד טאר נישט זיין פארנומען מיט זיין עבר, מען דארף זיין אייביג פארנומען נאר מיט זיין עתיד. דער עבר וואס איז געווען זאל ער לאזן אויף יום כיפור, דאס איז נישט נוגע יעצט, עס ווארט א עתיד פאר א מענטש וואס ער קענען דינען דעם אייבערשטען שפעטער, נישט קיין חילוק וואס איז געווען פארדעם. און דאס איז מתן תורה, פאר מתן תורה, א טאג פריער איז מען געווען א גוי, און א טאג שפעטער ביזטו געווארן א יוד, דו האסטו דיך געטוישט פון וואס דו ביזט געווען. **א יוד דארף זיך טוישן און נעמען אויף זיך קבלת התורה, נישט זיין צובראכן פון זיין מצב וואס ער איז געווען פארדעם, אנהייבן מיט א התחדשות, מיט א נייעם וועג צו דינען דעם אייבערשטער.**

**עד** כאן דברי יצר הרע, מכאן ואילך דברי יצר טוב, דער חילוק צווישן דעם יצר הרע און דער יצר טוב איז, דער יצר הרע זאגט ׳עד כאן׳, קוק וואס איז געווען ביז יעצט, עד כאן, פארדעם האסטו דאך אויסגעקוקט אזוי ווי עס איז, קוק נישט וואס וועט זיין מכאן ואילך, דאס איז די ווערטער פונעם יצר הרע. די ווערטער פונעם יצר טוב איז פונקט פארקערט, קוק נישט וואס איז געווען עד כאן, קוק וואס איז ׳מכאן ואילך׳, וואס איז פון יעצט און ווייטער, מכאן ואילך איז דא א מעגליכקייט דו זאלסט דיך קענען צוריקשטעלן. וקדשתם היום ומחר, אפילו א מענטש האט פארלוירן דעם היום, אבער דעם מחר האט ער, דעם מחר קען ער שטענדיג מיטנעמען מיט זיך כדי ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטער. אפילו א מענטש האט פארלוירן זיין עבר וואס איז אדורכגעגאנגען און ער קען עס נישט צוריקברענגען, עד יום מותו תחכה לו, ביז ווען א מענטש לעבט און ער האט נאך די כוחות, האט ער נאך אלץ די געלעגנהייט צו קענען דינען דעם אייבערשטער.

**מען** האט געלערנט די גמרא אין מועד קטן (כה.), די גמרא זאגט אז איז אויב א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, און מען שטייט דארט בשעת מיתה, דארף מען זיך קורע זיין, אזוי ווי א ספר תורה שנשרף וואס מען איז זיך קורע דערויף. שטייט אין רש״י (על הרי״ף), ספר תורה שנשרף, מען רעדט דא אפילו פון א פשוטע איד, ער איז קיום געווען א יוד, איז אויך די הלכה אז מען דארף קורע זיין אויב מען שטייט דארט בשעת מיתה, וואס איז דאס א ספר תורה שנשרף, ער איז נישט

קיין ספר תורה. זאגט רש״י ׳ער וואלט געהאט א מעגליכקייט צו זיין א ספר תורה פון היינט און ווייטער׳, ווען ער וואלט נאך געלעבט וואלט ער געקענט אויסוואקסן א ספר תורה. **מען דארף קורע זיין אויף א נפש מישראל וואס גייט אוועק, אפילו יעצט איז ער א פשוטע יוד, אבער זיי קורע אויף אים, דא איז געווען א מענטש וואס האט געהאט אין זיך כוחות אויסציוואקסן א ספר תורה.** דאס איז אויף יעדן יוד, יעדער יוד האט די מעגליכקייט. דער יצר טוב זאגט קוק נישט וואס איז געווען, קוק מכאן ואילך, וואס וועט זיין פון היינט און מארגן, און אזוי דארף מען צו דינען דעם אייבערשטער.

*

**קבלת התורה, הייבט זיך אהן דער עיקר ביי לימוד התורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין כנגדו, מען דארף אוועקגעבן אלע זיינע צייטן וואס ער האט פאר לימוד התורה. די פרייע צייטן, צייטן וואס ער איז נישט עוסק אין פרנסה, נישט זיין פארנומען מיט נארישקייטן מיט הבלי עולם הזה, מען האט דערפון גארנישט, מען זאל זיך נאר אוועקגעבן פאר לימוד התורה ווען ער האט פרייע צייט צו לערנען. ברוך השם ס׳איז שוין דא היינט אין אלע קהלות אין אלע מקומות אויסגעשטעלט שיעורי תורה, מען זאל קענען מיטהאלטן אויף א מסודר׳דיגן וועג, צו קענען ענדיגן איין מסכת נאך דער אנדערע מסכת. ביי אונז אין חבורת ׳ובהם נהגה׳ האב מיר יעצט געענדיגט א מסכת, די קומענדיגע וואך הייבט מען אהן א פרישע מסכת, מסכת חגיגה, מען וועט ענדיגן ביזן סוף פונעם זוממער.**

**מען** מיינט אסאך מאל מען האט נישט קיין צייט, מען איז פארנומען מיט די ארבעט, מען האט טירדות, מען קומט נישט אהן. – מען געפינט אין די גמרא (פסחים סח:) אז רב יוסף האט געזאגט, עבדו לי עגלא תילתא, אינעם יום טוב פון שבועות, דאי לאו האי יומא דקא גרים, כמה יוסף איכא בשוקא. עס איז דא אסאך פשטים דערין, נאר די משנה זאגט (אבות ג-ה) כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, **א איד נעמט אויף זיך עול תורה, טוט מען אוועקנעמען פון אים אלע זיינע פראבלעמען, עול מלכות ער האט נישט קיין פראבלעמען מיט די רעגירונג, ער האט נישט קיין עול דרך ארץ, ער דארף עוסק זיין אין פרנסה, אבער די טירחא פון די פרנסה ווערט פון אים אוועקגענומען.** עס שטייט אין די גמרא (סנהדרין צט:) יעדער מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו פלאגן, אדם לעמל יולד (איוב ה-ז), ואינו יודע לאיזה עמל, אדער עמל בתורה אדער עמל מלאכה. יעדער קען זיך אויסקלויבן, דער וואס קלויבט זיך אויס עמל פון תורה, נעמט אראפ פון זיך אז ער דארף נישט האבן קיין עמל הפרנסה, דער וואס נעמט נישט דעם עמל פון תורה, מוז ער באצאלן דעם עמל אויף עניני גשמיים. כל המקבל עליו עול תורה, נעמסט אויף דיר דער עמל התורה, טוט מען דיך באפרייען פון אנדערע עמל, פון עול מלכות ועול דרך ארץ.

**איך** האב נאכגעזאגט פאריגע מאל (בסעודת ל״ג בעומר העעל״ט) פונעם ישמח משה (פ׳ בשלח), אז דער אייבערשטער האט מקלל געווען אדם הראשון נאכן חטא, בזעת אפיך תאכל לחם (בראשית ג-יט), ס׳איז א גזירה מן השמים, הרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי. זאגט דער הייליגער ישמח משה אז לחם האט צוויי טייטשן, לחם קען טייטשן פרנסה, און לחם קען זיין תורה, די תורה ווערט אנגערופן לחם, לכו לחמו בלחמי (משלי ט-ה), מען האט נישט געזאגט פאר אדם הראשון אויף וועלכן לחם דארף זיין דער בזעת אפיך, א מענטש קען זיך אויסקלויבן, אויב נעמסטו דעם בזעת אפיך אויף תורה, דארף ער נישט האבן קיין בזעת אפיך אויף זיין פרנסה.

**דאס איז טייטש, ווען א מענטש נעמט אויף זיך מקבל זיין דעם עול תורה, די שעה וואס דו געסט אוועק פאר תורה, האסטו אראפגענומען א שעה פון עמל וואס דו דארפסט האבן אין געשעפט. דו ביזט אין געשעפט ווייל דו דארפסט ברענגען פרנסה, פארוואס דארפסטו ברענגען פרנסה, ווייל בזעת אפיך תאכל לחם, אויב מען נעמט אוועק די צייט און מען לייגט עס אריין ביי תורה, טוט דער אייבערשטער משפיע זיין, און נעמט אוועק דעם עמל. יעדער ווייסט ביי געשעפטן וויפיל מאל איז דא אומזיסטיגע עגמת נפש וואס נעמט אוועק שעה׳ן אויף שעה׳ן, וואס גייט אדורך, מתקן זיין און מסדר זיין, דער אייבערשטער וואלט עס געקענט מסדר זיין אזוי גרינג אז דער מענטש זאל נישט דארפן צוקומען דערצו. ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה, נעמט מען פון אים צו די אלע זייטיגע שברי לב מיט חלישות, אז ער האט עס נישט.**

**איך** האב דעמאלטס געזאגט אז וועגן דעם נעמט מען שבועות שתי הלחם (ויקרא כג-יז), א מענטש וועט זאגן ווי קען איך מקבל זיין די תורה, מען דארף דאך עוסק זיין אין עניני עולם הזה. זאלסטו וויסן מען איז מקריב שתי הלחם, צוויי לחם, ס׳איז דא א לחם פון בזעת אפיך תאכל לחם, און ס׳איז דא א לחם פון לכו לחמו בלחמי, אז דו וועסט מקבל זיין דעם לחם, וועסטו נישט דארפן צוקומען צו יענעם לחם. כולהו גופי דרופתקי נינהו זאגט די גמרא (שם), אלע גופים דארפן זיך פלאגן, און ווער ס׳איז זוכה, איז זיין עמל אין תורה. ווען א יוד טוהט אוועקגעבן זיין עמל וואס ער דארף אוועקגעבן, אין די תורה, טוט ער פארשפארן אנדערע עמל וואס איז דא אויף דער וועלט.

**דער** רב יוסף איז געווען א אדם גדול, האט ער געזאגט ווען עס וואלט נישט געווען קיין קבלת התורה, וואלט מען

געדארפט מקיים זיין בזעת אפיך תאכל לחם כפשוטו, ס׳איז נישט דא קיין צוויי פשטים, מען וואלט זיך געדארפט פלאגן אויף פרנסה, וואלט מען נישט געקענט זיצן אין בית המדרש, מען וואלט געדארפט זיין אין מארק און עוסק זיין אין פרנסה, אבער אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, האט דאך דאס גורם געווען אז עס איז דא נאך א לחם, קען מען יעצט פון נאך מתן תורה אהן, מקיים זיין דעם בזעת אפיך תאכל לחם אויף אן אנדערע סארט לחם. מוז איך שוין נישט זיין אין מארק אינדרויסן, איך קען זיצן אין בית המדרש און לערנען, ווייל איך האב דאך שוין דעם בזעת אפיך תאכל לחם אין די תורה.

**האט** ער געזאגט אי לאו האי יומא דקא גרים, ווען נישט דער טאג פון מתן תורה וואס האט גורם געווען אז אונז האב מיר באקומען א פרישן לחם, און מען קען מקיים זיין דעם בזעת אפיך תאכל לחם מיט די תורה, כמה יוסף איכא ׳בשוקא׳, וואלט מען געדארפט זיין בשוק, איך וואלט געדארפט זיין אינדרויסן אין די געשעפטן, איך וואלט נישט געקענט זיין אין בית המדרש, אבער אזוי ווי דער יומא איז גרים אז איך האב באקומען נאך א לחם, האב איך יעצט דעם מעגליכקייט אז איך זאל קענען זיצן אין בית המדרש. דאס איז דער לחם וואס אונז האב מיר מקבל געווען, לכו לחמו בלחמי, אויסצונוצען די צייט פאר תורה און עבודת השם.

*

**און** מען קען נישט אוועקגיין אנדעם וואס מען זאל מזכיר זיין דעם נסיון וואס אונז האב מיר היינט, דער אינטערנעט, מיט אלע כלים וואס איז מכלה מבשר ועד נפש, איך רעד שוין נישט פון וואס איז נישט אויסגעהאלטן, וואס א יוד טאר עס נישט האלטן אין שטוב, און אין טאש איז דאך אפגערעדט. נאר אפילו עס איז אויסגעהאלטן, שעה׳ן געבן אוועק מענטשן אויף די וואט׳ס אפ׳ס, צו הערן שטותים מיט הבלים, און אסאך מאל זאכן וואס איז קעגן די תורה אויכעט. וואס ס׳פאלט איין ביי איינעם, א קל, גייט עס ארום פון איינעם צום צווייטן. אין די צייט וואס מען האט געקענט אוועקגעבן פאר תורה צו דינען דעם אייבערשטען, געט מען אוועק די טייערע צייט פאר הבלי עולם הזה. פאר דער יצר הרע איז נישט דא קיין עצרת, אז מען איז נישט מקבל די תורה, ווערט מען אדיקדעט צוגעבינדען דערצו און מען קען זיך נישט אפטיילן דערפון.

**און** דאס איז דער יום טוב שבועות, מקבל זיין די תורה פון ניי, ס׳איז נישט קיין נפקא מינה וואס איז געווען ביז יעצט, מכאן ואילך דברי יצר טוב, דער יצר טוב זאגט ס׳איז נישט קיין נפקא מינה וואס איז געווען נעכטן, מכאן ואילך הייב אהן צו לעבן א תורה׳דיגע לעבן, וועסטו זעהן ווי שיין עס איז די דרכי תורה, דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום. און דאס איז קבלת התורה זמן מתן תורתנו, פון ניי אויס מקבל זיין, שטעל זיך דאווענען ווי מען דארף, מיט אהבת השם, מיט א צוגעבינדקייט צום אייבערשטער, אז דו טוסט א מצוה, טוה עס נישט מצות אנשים מלומדה, צוגעוואוינט, יעדע זאך וואס דו טוסט טראכט וואס דו טוסט. אין דיינע עניני עולם הזה קענסטו אריינלייגן אזויפיל מצות צו זיין דער עובד את בוראו תמיד, מיט איין שטיקעלע כוונה וואס מען איז מכוון פארדעם, איך טוה עס ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן אז מען דארף אזוי צו טוהן, ווייל איך דארף האבן פרנסה, כדי זיך צו קענען פירן ערליך, מען וועט נישט דארפן גנב׳נען גזל׳נען, איך זאל קענען מגדל זיין מיינע קינדער ערליך, מיט איין קבלה קען א מענטש מהפך זיין אז אלע זיינע זאכן זאלן זיין פאר עבודת השם, דאס איז קבלת התורה, יודען האבן מקבל געווען אויף זיך אז פון היינט אהן וויל ער באמת דינען דעם אייבערשטער.

**און** מיר דארפן מתפלל זיין שובו לכם לאהליכם, צוריק אריינעמען אין שטוב אריין, אלע קבלות וואס מען האט געהאט, נעמען צו זיך אינדערהיים, שובו לכם לאהליכם מען זאל נעמען דעם לכם ׳לאהליכם׳ ס׳זאל לייכטן, דער לכם זאל לייכטן. א מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ, מען נעמט אראפ פון זיך אלע זייטיגע פראבלעמען וואס מען האט, דער באשעפער איז משפיע א רואיגקייט אין זיין לעבן.

**דער** אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל זוכה זיין צו אלע ברכות וואס תורה ברענגט מיט זיך מיט, אם בחוקתי תלכו שתהיו עמלים בתורה, ונתתי גשמיכם בעתם, און אזוי וויטער. מען זאל קענען זוכה זיין צו אלע ברכות וואס די תורה האט אין זיך, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, עס איז נישט דא קיין שום זאך וואס ליגט נישט די ברכה אין די תורה. אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט מיט די תורה, מוז דאך זיין אז די תורה דאס איז די חיות פון די וועלט, אז מיר ווילן זוכה זיין צו קענען האבן רואיגקייט אויף די וועלט נעמט זיך דאס אלעס פון די תורה. דער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.


**הגליון הזה נתנדב על ידי**

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה״ר ר׳ **יוסף דוד טובל** הי״ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בנישואי בנו למזל טוב | לעילוי נשמת<br>כ״ק הגה״צ רבי **שלמה זלמן** בן הגה״צ רבי **יהושע** זצוק״ל<br>**אבד״ק תולדות אהרן**<br>נפטר יום ח״י סיון תשע״ח לפ״ק<br>ת.נ.צ.ב.ה. | לעילוי נשמת<br>הרבנית הצדיקת מרת **שינדל רבקה** בת הגה״צ ר׳ **יצחק** ע״ה<br>**אשת חבר של כ״ק מרן אדמו״ר בעל עזר מיהודה זצוק״ל**<br>נפטרה ח״י סיון שנת תשס״ה לפ״ק<br>ת.נ.צ.ב.ה. | מוה״ר ר׳ **אברהם שיף** הי״ו<br>לרגל השמחה השרויה במעונו<br>בנישואי בנו למזל טוב |

**הרוצה לנדב להוצאת הגליון יפנה להר״ר יואל** בהרא״ש **פייערווערקער הי״ו 347.243.1944**